**אויף באלדיגע פארעפנטליכונג:** 24/05/2021 **גאווערנער ענדרו מ. קאומאו**

## גאווערנער קאָומאו מעלדט איבער אנהויב פון קאנסטרוקציע פאר באפעסטיגונג פראיעקט אין נייעגרע קאַונטי

***1.6 מיליאן דאלאר געשאנקען פאר די ווילעדזש אָוו ווילסאן צו העכערן די דאק, וועט פארזיכערן פובליק זיכערהייט און אנגייענדע באנוץ פאר פארוויילונג***

***פראיעקט אויסגעוועלט אלץ טייל פון גאווערנער קאָומאו'ס באפעסטיגונג און עקאנאמישע אנטוויקלונג איניציאטיוו***

גאווערנער ענדרו מ. קאומאו האט היינט געמאלדן איבער די אנהויב פון קאנסטרוקציע פון א 1.6 מיליאן דאלארדיגע באפעסטיגונג פראיעקט, געשאנקען צו די ווילעדזש אָוו ווילסאן, נייעגרע קאַונטי, דורך די [באפעסטיגונג און עקאנאמישע אנטוויקלונג איניציאטיוו](https://) (Resiliancy and Economic Development Initiative, REDI). די טאַונליין פיער (דאק איבערן וואסער) איז א פאפולערע פארוויילונגס ארט, אפט באזוכט דורך ווילעדזש איינוואוינער און דורך באזיכער פון די קאמיוניטי. די פיער וואס ווערט גענוצט צו כאפן פיש, זיך ארויסלאזן מיט שיפלעך און פובליק צוטריט צו לעיק אָנטאַריאָ, איז געשעדיגט געווארן פון פארשטערקערטע ווינטן און כוואליעס און דאס הויבן זיך פון די וואסער. דורכאויס די רעקארד פארפלייצונגען אין 2019 איז די פיער געווען צוויי פיס אונטערן וואסער, מאכנדיג די סטרוקטור אוממעגליך צו אנקומען צו און שאפנדיג א זיכערהייט סכנה פאר מענטשן וואס נוצן שיפלעך. די פארגעשלאגענע פראיעקט וועט פארמינערן די זיכערהייט סכנות, און אזוי אויך פארזיכערן אז מען קען צוקומען דערצו פאר פארוויילונג.

"דורכאויס די פארפלייצונגען אין 2019 איז נישט געווען מעגליך צוצוקומען צו פילע פאפולערע טוריסט דעסטינאציעס אויף די זייט פון לעיק אָנטאַריאָ און די סעינט לורענס טייך, און דאס האט געהאט א נעגאטיווע השפעה אויף ראיאנען וואס נעמען אויף באזיכער יעדע יאר פון די גאנצע סטעיט", **האט גאָווערנאר קאָומאו געזאגט.** "דורך די REDI פראגראם און דורך די באטייליגונג פון די סטעיט מיט די באטראפענע קאמיוניטיס, ארבעטן מיר יעצט צוזאמען צו זיכער מאכן אז אין פאל וואס די וואסער הייבט זיך נאכאמאל אין די צוקונפט, וועלן באזיכער נישט פארמיטן ווערן פון צוקומען צו און הנאה האבן פון זייער באליבטע לעיק ברעג דעסטינאציע, שטיצנדיג דערביי די טוריזם עקאנאמיע וואס איז אזוי וויכטיג צו די מוניציפאליטעטן."

"ניו יארק איז איבערגעגעבן צו אינוועסטירן אין פראיעקטן צו פארמערן די באפעסטיגונג און פארמיידן פארפלייצונגען אין קאמיוניטיס אויף די ברעגעס פון לעיק אָנטאַריאָ", **האט לייטענאנט גאווערנאר קעטי האָוקאל געזאגט.** "די ווילעדזש אָוו ווילסאן איז א הויפט לאקאציע פאר פארוויילונג ביי לעיק אָנטאַריאָ און די היינטיגע אנהויב פון קאנסטרוקציע ביי טאַונליין פיער וועט העלפן היטן קעגן די סכנה פון הייבנדע וואסערן און פארזיכערן אז עס בלייבט א פלאץ פון הנאה פאר צוקונפטיגע דורות."

באפעסטיגונג מיטלען וואס זענען פלאנירט צו דורכגעפירט ווערן אין די פראיעקט רעכענען אריין:

- אויפהייבן די סטרוקטור דריי פיס ביז א הייך פון 252 פיס, צו ערלויבן אז מען זאל קענען גרינגערהייט צוקומען צו די פּיער דורכאויס צייטן ווען די וואסער הייבט זיך;
- פארדרעכטן די שטיגן צו ערלויבן צוטריט צו די פּיער פון די ברעג;
- פארמינערן ווייטערדיגע פארשוועכקן דורכן צולייגן נאך שורות שטיינער אויף די זייט פון די ברעג;
- קאנסטרוקציע פון א פובליק בית הכסא; און
- פּאַרקינג לאַט פארבעסערונגען.

**ניו יארק סעקרעטערי אָוו סטעיט ראָזענע ראָסאַדאָ האט געזאגט,** "א דאנק גאווערנאר קאָומאו'ס REDI איניציאטיוו, העלפן מיר לעיק אָנטאַריאָו קאמיוניטיס צו ווידער אויפלעבן זייערע ברעגעס און פארשטערקערן די באפעסטיגונג אקעגן צוקונפטיגע פארפלייצונגען ווי אויך גלאבאלע אנווארעמען. די פארבעסערונגען וואס זענען אונטערוועגנס ביי ווילסאָן'ס טאַונליין פּיער וועלן העלפן שאפן א זיכערערע און פעסטערע מצב קעגן פארפלייצונגען, אריינברענגען נייע איינשטעלונגען און פארבעסערן די צוגענגליכקייט פאר איינוואוינער און באזיכער צו די טויער צו לעיק אָנטאַריאָו. די דעפּארטמענט אָוו סטעיט איז שטאלץ צו ארבעטן מיט די ווילעדזש אָוו ווילסאָן און אירע ערווייטלע אינסטאנצן צו פארבעסערן טאַונליין פּיער צו העלפן באשיצן די וויכטיגע פארוויילונגס ארט און פארשטערקערן די לאקאלע עקאנאמיע."

**סטעיט פּאַרקס קאמישאנער עריק קוּליסעיד האט געזאגט,** "צוליב די אנגייענדע מענטשליך־אנגעברענגטע גלאבאלע אנווארעמען וועט זיך די וואסער הייבן אין די צוקונפט ביי די ווילסאָן פּיער. א דאנק צו גאווערנאר קאומאו'ס איבערגעגעבנקייט צו פארשטערקערן די באפעסטיגונג אויף די זייט פון די לעיק אָנטאַריאָו ברעג, וועט די פּיער בעסער קענען אויסהאלטן די צוקונפטיגע דראאונגען און בלייבן אפן פאר זיכערע פובליק באנוץ פאר פילע יארן אלץ טייל פון די ראיאנישע פארוויילונג עקאנאמיע."

**REDI קאָ־טשעיר און עמפּייער סטעיט דעוועלאפּמענט עקטינג קמישאנער און פרעזידענט און CEO־באשטימטער עריק גערטלער האט געזאגט,** "די נייע געהעכערטע פּיער אין ווילסאָן איז טייל פון די באמיאונגען – ווי נאך קיינמאל בעפאר נישט געזען – וואס גאווערנאר קאומאו מאכט צוריקצובויען בעסער פלעצער וואס זענען באטראפן געווארן דורך פארפלייצונגען. די פּיער פראיעקט וועט אויסנוצן די עקאנאמישע בענעפיטן פון די שטח אויפן ברעג וואסער דורכן פארגרינגערן די צוטריט צו די הערליכע לעיק אָנטאַריאָו פאר א ברייטע רייע פון פארוויילונגס אקטיוויטעטן, סיי פאר איינוואוינער און סיי פאר זומער טוריסטן."

**ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפּהיטונג (Department of Enviromental Conservation, DEC) און REDI קאמיסיע קאָ־טשעיר בעיזיל סעגאָוס האט געזאגט,** "קאמיוניטיס אויף די זייט פון לעיק אָנטאַריאָו און סעינט לורענס טייך ברעגעס האבן זיך פארמאסטן מיט ערנסטע דראאונגען אין די פאריגע יארן נאך מערערע מאלן ווען די וואסער האט זיך געהויבן. די אנהויב פון קאנסטרוקציע אויף די פראיעקט אין די ווילעדזש אָוו ווילסאָן צייכנט אפּ א וויכטיגע ווענדפונקט אין ניו יארק סטעיט'ס איבערגעגעבנקייט צו פארגעשריטענע פראיעקטן וואס העלפן ערררייכן REDI ציהלן פון בויען מער באפעסטיגטע קמיוניטיס וואס זענען ברי קיימא. די טאַונליין פּיער פראיעקט שטעלט פאר א לאנג־טערמיניגע לייזונג וואס וועט פארזיכערן אז אויסגעשטעלטע ברעג קאמיוניטיס האבן זיכערע צוטריט צו די פּיער דורכאויס צייטן ווען די וואסער איז הויך און אז די ברעג איז באשיצט פון צוקונפטיגע פארפלייצונגען."

**טשעירמאן פון די נייעגרע קאַונטי לעגיסלאטור בעקי ווידיש האט געזאגט,** "די REDI פראגראם איז געווען דאס וואס האט ערמעגליכט מערערע וויכטיגע פראיעקטן אויף די זייט פון נייעגרע קאַונטי'ס ברעגעס צו מאכן פארשריט מיטן זיך אפּגעבן מיט די שאדנס פון לעיק אָנטאַריאָו פארפלייצונגען און די עקאנאמישע שוועריקייטן וואס עס האט געברענגט. די טאַונליין פּיער אין די ווילעדזש אָוו ווילסאָן וואס אמאל געווען צוויי פיס אונטער וואסער, וועט יעצט זיין באשיצט, פארמערנדיג די באנוץ דורך די פובליק

און אנטוויקלונג געלעגנהייטן. איך דאנק די סטעיט אינסטאנצן פאר זייער שטיצע פון אלע אונזערע REDI פראיעקטן, און איך וויל באדאנקן מיין קאלעגע לעגיסלאטאר דעיוו גאדפריי און ווילעדזש אָוו ווילסאן מעיאר אַרט לאוסען פאר אלע זייערע באמיאונגען צו מאכן אז די טאַונליין פיער פראיעקט זאל געשען."

**ווילעדזש מעיאר אַרטור לאוסען האט געזאגט,** "מענטשן איבער די גאנצע ראיאן און פילע פון אונזערע קאמיוניטי איינוואוינער האבן געגאסן פון די טאַונליין פיער פאר פילע יארן. די גרויסע פארפלייצונגען וואס זענען געשעהן אין 2017 און נאכאמאל אין 2019 האבן אינגאנצן איינגעזונקען די טאַונליין פיער שאפנדיג פילע זיכערהייט פראבלעמען. דורכן צוריקבויען און סטאביליזירן די פיער, טוהען מיר נישט נאר צוריקבויען קריטישע אינפראסטראקטור, נאר מיר שאפן אויך אן אטראקציע וואס איז גאר וויכטיג צו צוריקבויען אונזער טוריסט אינדוסטריע."

אין רעאקציע צו די פארברייטערטע פארפלייצונגען אויף די ברעגעס פון לעיק אָנטאַריאָ און די סעינט לורענס טייך האט גאווערנאר קאומאו געעפנט REDI צו פארשטערקערן די באפעסטיגונג פון די קאמיוניטיס אויף די ברעגעס און פארשטערקערן עקאנאמישע אנטוויקלונג אין די ראיאן. פינף REDI ראיאנישע פלאנירונג קאמיטעען, באשטייענדיג פון פארשטייער פון אכט קאַונטיס (נייעגרע, ארליענס, מאָנראו, וועין, קעיוגע, אָסוועגאָו, דזשעפערסאן און סעינט לורענס), זענען אויפגעשטעלט געווארן צו טרעפן די וויכטיגע לאקאלע פראבלעמען, אינפראסטראקטורן און אנדערע פארמעגנס וואס זענען אין סכנה און פובליק זיכערהייט דראאונגען. די REDI קאמיסיע האט צוגעטיילט 20 מיליאן דאלאר פאר היים־אייגנטימער הילף, 30 מיליאן דאלאר צו פארשטערקערן די באפעסטיגונג פון ביזנעסער און 15 מיליאן דאלאר פאר א ראיאנישע רייניגן פון די וואסער וואס וועט בענעפיטירן אלע אכט קאַונטיס אין די REDI ראיאנען. די איבערבלייבנדע 235 מיליאן דאלאר זענען צוגעטיילט געווארן צו לאקאלע און ראיאנישע פראיעקטן וואס רוקן פאראויס און פירן אויס די REDI מטרה.

אנגעוויזן דורך קאָומאו האט די REDI קאמיסיע באזוכט פלעצער וואס זענען שווער באטראפן געווארן פון פארפלייצונגען אויף לעיק אָנטאַריאָ און געארבעט מיט לאקאלע קאמיוניטיס צו אויפקומען מיט א נייע חזון פאר די ברעגעס, סיי צו באפעסטיגן און סיי צו אנטוויקלען די עקאנאמיע כדי צוריקצובויען בעסער און שטערקער פאר די צוקונפט.

זינט די גאווערנאר'ס REDI פראגראם איז געשאפן געווארן אין די פרילינג פון 2019, זענען REDI 133־געצאלטע לאקאלע און ראיאנישע פראיעקטן שוין אונטערוועגס, ארייַנרעכענענדיג 100 פראיעקטן אין די דעזיין שטאפל, 19 פראיעקטן אין די קאנסטרוקציע שטאפל און 14 פראיעקטן זענען פארענדיגט געווארן.

נאך אינפארמאציע, פראיעקט פראפילן און REDI נייעס קען מען געפונען [דא](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאממער | | press.office@exec.ny.gov518.474.8418

אויס־סובסקרייבן